ברודער מאָרד

העכסט אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

(פארטזעצונג)

ער האט אלזא געבעטן דעם אלטן ארמסטראנגס טובה — און ער האט אפגעמאכט מיט מארקאטהי און מרס. מערי וואס אמשנעלסטן. דער אלטער מאן איז געווען פעסט איבערצייגט אז דער געלערנטער פראפעסאר מיינט נאר זיין — ארמסטראנגס טובה — און ער האט אפגערעדט מיט אים מארגן נאכמיטאג צו מאכן א וויזיט ביי מיס מערי.

דאס איז געווען מאנטאג בייטאג. אין אוונט איז דער פראפעסאר מיט זיינע צוויי פריינט ווידער געזעסן ביים יונגן ארמסטראנג און ער האט מיט אים שטודירט מאטעמאטיק. ווי ערנסט זיי האבן שטודירט, האבן באוויזן עטלאכע פלעשער וויין מיט צעבראכענע קעפ, וועלכע זיינען געשטאנען אויפן טיש.

מען האט אלזא זיך אזוי פארטיפט אין איז אזוי שיין, דאן הייראט מיט איר,

מאטעמאטיק אז ביי די פלעשער זיינען צעבראכן געווארן די קעפ.

מען קאן אבער אלץ ניט שטודירן, מען מוז אביסל ריידן אויך. דער פראפעסאר האט אלזא אנגעהויבן צו ריידן.

— ווייסט איר מיין ליבער דזשיימס אז איך וועל מארגן האבן דאס פארגעניגן צו זעען אייער כלה?

— איך ווייס ווירקלאך ניט וואס דער אלטער וויל פון מיר, — האט דער יונגערמאן געענטפערט, איך וויל נאך גאר ניט הייראטן, עס איז מיר בעסער צו לעבן פריי און ניט זיין צוגעבונדן צו א פרוי.

— אבער מיס מאקארטהי איז שיין ווי די זון, — האט זיך דער שיינער דזשעק אריינגעמישט.

— ווען איר דיינקט אז מיס מערי — האט דער יונגערמאן געענטפערט בייז.

מיין ליבער דזשיימס, איך דארפט וויסן אז אייער פאטער האט זיך פעסט אנטשלאסן אז איר מוזט הייראטן מיס מאקארטי. איר קאנט דאך ניט אין אלע באציאונגען האנדלען קעגן זיין ווילן. אויסער דעם זעאיך ניט איין וואס עס קאן אייך שאדן צו הייראטן.

— איר קאנט ניט מיס מאקארטי, זי האט ליב צו קאמאנדעווען מיט איר פאטער און זי טוט מיט אים וואס זי וויל, איך אבער וויל ניט ליגן אונטער איר פאנטאפל.

— אבער ליבער דזשיימס, איר ווייסט דאך ניט, אויב זי וועט איינוויליקן אייך צו נעמען. אייער פאטער האט מיר דערציילט אז זי האט געענטפערט אז זי מוז זיך פריער איבערלייגן. עס קאן דאך זיין, אז זי זאל אייך ניט וועלן. אלזא, איז דאך גלייכער אז איר זאלט זאגן אייער פאטער אז איר באשטייט אויף דעם שידוך. דאס איז פיל שטנער. אייער פאטער וועט באקומען צוטרויען צו אייך.

— איר האט רעכט פראפעסאר, — האט דער יונגערמאן אויסגערופן — זאגט מיין פאטער אז איך וועל טאן אלעס וואס ער וועט מיר הייסן.

דער פראפעסאר איז געווען העכסט צופרידן וואס ער וועט האבן מארגן מיט וואס צו קומען צום אלטן ארמסטראנג, ער וועט אים באווייזן אז ער ווירקט אויף זיין זון, און דאס איז געווען פאר אים זייער וויכטיק.

מען האט אנגעהויבן צו רעדן פון אנדערע זאכן. דער יונגערמאן האט געמאכט פלענער וואס זיי זאלן טאן, און ווי אזוי זיי זאלן א לעב טאן, ווען ער וועט שוין אמאל קאנען ארויסגיין אויף דער גאס.

— איך דיינק, אז מיר זאלן מער ניט גיין אין אזעלכע שענקען ווי באבא יאגאס, — האט דער פראפעסאר געזאגט, אין אזעלכע שענקען געפינען זיך שטארקע מאטראסן וועלכע קאנען געבן א גוטן זעץ, אז מען זאל האבן צו גער דיינקען . . .

— וואס רעדט איר? מיינט איר ווירקלאך אז איך קאן זיך נים "פייטן"?

— האט דער יונגערמאן אויסגערופן, ווען איך זאל דאמאלסט ניט געווען זיין שיכור וואלט איך געוויזן דעם פארדאמטען מאטראס וואס איך קאן.

— נו, איר קאנט נאך איצט ווייזן וואס איר קאנט — האט דער שיינער דזשעק געלאכט.

דאס האט פארדראסן דעם יונגן מאן וועלכער איז געווען ניט גאנץ ניכטער.

— וואס מיינט איר? — האט ער אויסגערופן, מיינט איר אז איך וועל עס אים פארשווייגן? איך וועל אים וויזן ווער ס'איז עלטער, איך בין דאך א מיליאנערס א זון — און מיט געלט קאן מען אלעס טאן.

— איך האב געזעען אז מען קאן ניט אלעס מאכן מיט געלט, — האט דער שיינער דזשעק ווידער געלאכט.

— וואס מיינט איר דערמיט?

— איך דערמאן מיך, אז איר האט געוואלט א קוש טאן די ראזע פון שיקאגא און איר האט זאגאר געוואלט גיבען געלט דער באבע יאגא; זי זאל אייך באהילפיק זיין, ס'איז אבער ניט נערגאנגען.

— מיינט איר, אז איך האב שוין זיך אפגעזאגט פון דער ראזא פון שיקאגא?

— דאן האט איר א טעות. די ראזא פון שיקאגא מוז זיין מיינע! איך האב עס זיך אריינגענומען אין קאפ און איך וועל עס דורכפירן.

— איך ווייס ניט אויב איר וועט עפעס אויספירן מיט דער ראזא פון שיקאגא, — האט דער ערנסטער פראפעסאר געזאגט.

— פארוואס?

— ווייל זי איז אן ערלאכע מיידל.

— אן ערלאכע מיידל? — האט דער יונגער ארמסטראנג געלאכט. עס זיינען גאר ניטא קיין ערלאכע מיידלאך אויף דער וועלט. פאר געלט קאן מען זיי אלע האבן.

— דאס איז אמת! דאס איז ריכטיק! — האט דער שיינער דזשעק צוגעשטימט.

— מיר ווייזט זיך אויס, אז דא האט איר א טעות, — האט דער ערנסטער פראפעסאר זיך אריינגעמישט. די ראזע פון שיקאגא איז ניט א מיידל וועלכע מען קען האבן פאר געלט. עס איז א גאנץ אנדער סארט מיידל.

— וואס ווילט איר וועטן אז איך וועל באקומען די ראזע פון שיקאגא? — האט דער יונגער ארמסטראנג אויסגערופען.

— וואס איר ווילט, — האט דער פראפעסאר געענטפערט.

— אנגענומען! אויף וויפיל ווילט איר זיך וועטן?

— איך ווייס אליין ניט, לאמיר זאגן אויף הונדערט טויזנט דאלאר, — האט דער פראפעסאר געזאגט קאלטבלוטיק.

דער יונגער ארמסטראנג האט אויסגעגלאצט א פאר אויגן. ווי שיכור ער איז געווען, האט ער דאך אזוי פיל פארשטאנען, אז הונדערט טויזנט דאלאר איז אן אומגעהוירע גרויסע.

— אויב איר דיינקט אז דאס איז פילייכט אביסל צופיל פאר אייך, דאן קאן איך וועטן אויף א קלענערע סומע, — האט דער פראפעסאר באמערקט.

דאס האט שוין ניט געפאסט דעם יונגן מיליאנער. אן ארימער פראפעסאר זאל וועטן הונדערט טויזנט דאלאר, און ער — דער זון פון מאן וועלכער פארמאגט פופציק מיליאן, זאל מורא האבן איינצושטעלן אזא סומע.

וואלט ער ניט געווען שיכור, וואלט ער פיליכט זיך בארעכנט ווי אזוי קאן אן ארימער פראפעסאר איינשטעלן הונדערט טויזנט דאלאר? וואו קאן א פראפעסאר נעמען אזוי פיל געלט?

ער איז אבער געווען שיכור און דער פראפעסאר האט אים אונטערגעהיצט.

— נו, גוט! — האט ער אויסגערופן, איך נעם אן אייער "בעט".

— וויפיל צייט זאל עס דויערן, ביז דער "בעט" זאל זיין געוואונען אדער פארלארן? — האט דער פראפעסאר געפרעגט.

— צוויי וואכן! ווען איך וועל איז צוויי וואכן ארום ניט באקומען די ראזע פון שיקאגא, זאל איך אייך געבן הונדערט טויזנט דאלאר; וועל איך זי אבער יא באקומען זאלט איר מיר געבן הונדערט טויזנט דאלאר.

— איך האב ביי זיך ניט אזויפיל געלט, — האט דער יונגער ארמסטראנג באמערקט.

— איך האב אויך ניט אזויפיל געלט ביי זיך; — האט דער פראפעסאר געענטפערט. מיר זיינען גוטע פריינט און מיר וועלן גלויבן איינער דעם אנדערן אויף א וועקסל. מיר וועלן אנשרייבן 2 וועקסלען אויף הונדערט טויזנט דאלאר. יעדער פון אונז וועט אונטערשרייבן א וועקסל.

— ביי וועמען וועלן מיר זיי אבער איינלייגן?

— ביי מיין פריינט, לארד א'קאנעל, — האט דער פראפעסאר געענטפערט און ער האט אנגעוויזן אויף טאם טאלדינג. אים קאנען מיר פארטרויען. ער איז איינער פון די אנגעזעענסטע מענער אין ענגלאנד.

— אפגעמאכט! — האט דער יונגער ארמסטראנג אויסגערופן.

דער פראפעסאר האט ארויסגענומען פון זיין פארטפעל צוויי וועקסלען און ער האט אנגעשריבן זיין וועקסל, דאן האט ער געגעבן דעם אנדערן וועקסל דעם יונגן ארמסטראנג און ער האט אים געהייסן אנשרייבן און אונטערשרייבן.

(ווייטערס קומט)

תשובה כהלכה... על איסור שלא כהלכה

איך געפין פאר מיין הייליקן חוב, אלס שטאט רב, צו ענטפערן אויף דעם זלזול און כבוד התורה, אין נאמען פון א איסור געדרוקט אין "דאס אידישע ווארט" אויף דעם פלייש וואס איז אונטער מיין השגחה געשאכטן געווארן דורך מיין ערלאכן שו״ב המופלג ויר״א, און עס איז כשר וישר.

איך וויל ניט ענטפערן צוריק מיט זלזולים, ווייל דאס איז קעגן מיינע מדות און קעגן דעם כבוד התורה בכלל. נאר בדי קלאר צו מאכן דעם אמת פאר דעם עולם, וואס עס הייסט בכלל א איסור, און וואס עס קאן זיך רופן מיטן נאמען איסור, איז נאר דאן, ווען דער איסור האט אויף וואס חל צו זיין, און די ארויסגעבער פון איסור האבן אין זייער רשות... דעם עצם הדבר אויף וואס זיי גייען לייגן א איסור. אבער אז מיין אנקומען דא אין שטאט וויניפעג איז כדין וכדת, ווייל די שטאט וויניפעג האט קיינמאל ניט געהאט קיין תקנת העיר, ניט צו נעמען קיין אנדערע רבנים, און די רבנים וואס זיינען דא פון פריער, זיינען נאר געבראכט געווארן פון קליינע חברות אדער קליינע גרופעס, און זיי זיינען נאר א מיעוט קעגן דעם רבים . . . איז דאך געווים אז די שטאט מענשן אליין מעגן דאך געווים ברייננגען א רב פאר זיך, און עס איז ניטא קיין טענה השגת גבול . . . ווייל דער רבים דא אין שטאט האט נאך קיינמאל אין וויניפעג קיין רב ניט געבראכט, און די רבנים פון די קליינע גרופעס מענשן האבן די שטאט ניט געקאנט צופרידנשטעלן... פארקערט, האבן אפגעשטויסן פון זיך . . . איז בצדק ובמשפט האבן זיי געטאן על פי דין און געבראכט זיך א רב, ווייל א שטאט מענשן ווערן ניט בטל אנטקעגן דעם מיעוט, און דער מיעוט בלייבט מיט זייערע רבנים, און די שטאט איז פאר זיך מיט זייער רב. און דער רב האט במילא דאס רעכט צו ברייננגען שוב'ים, ספעציעל ווען מען האט געגעבן ווארנונגען און געבעטן זיך: שוחטים, קומט שעכטן, און זיי זיינען איינגע'עקשנ'ט און קומען ניט. איז לכל הפוסקים געטאן געווארן על פי דין (זעט דעם רמ"א אין יורה דעה סמן רמ"ה סעיף כ"ב: "וזה לשונו הטהור... ובמקום שיש מנהג לקבל רב על זמן קצוב, או שמנהג לבחור במי שירצו, הרשות בידם". דאס מיינט, אז אין די פלעצער. אדער לענדער וואס נעמען נאר א רב אויף א צייט, ניט ווי אין איירא פע, אויף זיין גאנצן לעבן, קאנען זיי נעמען וועמען זיי ווילן, ותן זיין צייט פארענדיקט זיך, אדער ווען זיי ווילן נאך רבנים, זאגט דער רמ"א בפירוש, אז זיי מעגן זיך אויסקלייבן רבנים וועמען זיי ווילן, און בפרט אז דער ערשטער רב וואס איז געקומען אין וויניפעג איז גאר ניט אויפגענומען געווארן פון דעם גאנצן קהל . . . און שפעטער האבן גרופעס פון דער קהלה ווידער געבראכט א רב, און נאך א רב — און די שטאט איז אין דער צייט נתוסף געווארן, בן ירבו, און טויזנטער מענשן פון פארשיידענע לענדער. זיינען צוגעקומען, מעגן זיי, יעדע גרופע פון יעדן לאנד, וועלכע האבן דא קהלות, און זיי האבן א רעכט צו ברייננגען זייערע רבנים, וועמען זיי ווילן לכל הדעות, און די פריערדיקע רבנים טארן זיך ניט ווארפן מיט קיין איסורים און מאכן א פעקטארי פון איסורים . . . וואס איז קעגן די אנדערע קהלות, און מאכן די תורה צו שאנד און צו שפאט. כמבואר בחושן משפט סמן קנ"ו: ואם בני העיר צריכים לתורתו אינם יכולים, למחות בידו. און ניטא קיין טענות פון השגת גבול און גלאט אין דער וועלט ארויין איסורים שלא כהלכה.

מיט'ן פולן רעספעקט צו אייך, רבנים, ווען איר שרייבט "על פי דיני דשולחן ערוך", אין א צייטונג, למען כבוד התורה ולומדיה, האף איך, אז איר זייט פארפליכטעט אנצוצייגן די מקורים און דעם סמן און דעם סעיף, למען כבוד התורה ולומדיה. אלזא, לאז איך וויסן צו אלע וויניפעגער אידן, אז דאס פלייש וואס ווערט געשאכטן דורך מיין שו"ב המופלג ויר"א איז אונטער מיין השגחה און עס איז כשר אפילו למהדרין מן המהדרין, ויאכלו ענוים וישבעו, און ווען איר גייט קויפן פלייש און איר ווילט האבן באמת כשר'ע פלייש, זעט נאר אויב דער בוטשער האט מיין קארד, און דאן מעגט איר זיכער זיין מיט כשרות.

בשם התורה ולומדיה,
הרב חיים צבי בר' יוסף הערסאן,
שטאט רב

אויפמערקזאם! אויפמערקזאם!

א מאס-מיטינג

פאררופן פון דער שטאט קאמיטע

דינסטאג, אפריל 21טן, 8.30 אוונט

אין גרויסן תלמוד תורה זאל

מיר לאזן וויסן אלע אידן פון וויניפעג, אז די בוטשער שעפער וואס שטייען אונטער דער השגחה פונ'ם שטאט רב, הרב חיים צבי בר' יוסף הערסאן, געפינען זיך אין די פאלגנדע פלעצער:

286 דאפערין עוועניו, 291 דאפערין עווע., מר. שעפל, 346 פלארא עוועניו, 318 סעלקירק עווע., מיטשעל, 380 סעלקירק עווע., 500 סעלקירק עוועניו, אקערמאן, אין סטיימאנס בלאק, ענדריוס און סעלקירק, פרידמאן, אייקינס און פריטשארד, 1304 מיין סטריט, 670 אלפרעד עווע., 471 קאלערזש עוועניו.

עס איז שוין צייט, אז מיר, אידן, דאס קלוגע פאלק, זאלן זיך ניט לאזן פארפירן פון אזעלכע פירער, וואס האבן אונז ביז יעצט פארפירט, און וועלכע שטרייננען אן אלע זייערע כוחות און ווענדן אן אלע אומווירדיקע מיטלען אונז ווייטער צו פארפירן, און וועלכע ווילן מאכן קאפיטאל אויף אונזער חשבון. וואכט אויף, שוועסטער און ברידער! צייגט זיי, די פאלשע פירער. אז איר זייט אויך מענשן, או מען דארף זיך מיט אייך רעכענען. זאלן זיי, די שרייבער פון דעם אומווירדיקן אנאנס, קומען אויף דער פלאטפארמע, ביי דער מאסן פארזאמלונג, דינסטאג אויף דער נאכט, אין תלמוד תורה זאל, און דעבאטירן מיט אונזער ווירדיקן רב אין דעם ענין פון כשרות.

מיט אכטונג,
די וויניפעגער שטאט קאמיטע

נ. ב.: —מר. מיטשעל, 380 סעלקירק עוועניו, און מר. שעפל, 346 פלארא, און אונזער ווירדיקער **שטאט רב הרב חיים צבי בר' יוסף הערסאן**, 289 פריטשארד עווע., אנאנסירן אז אלע וויניפעגער אידישע ארימע פאמיליעס וואס וועלן ברייננגען א טיקעט פון דער יונייטעד היברו רעליף אדער פון דעם ווירדיקן רב, 289 פריטשארד עווע., אדער פון דעם פרעזידענט פון דער שטאט קאמיטע, מר. טרילער, 363 פלארא עווע., וועט זיין בארעכטיקט צו קריגן 10 פונט פלייש א וואך, פאר 2 וואכן צייט, פון מיטוואך דעם 22טן אפריל, פריי אן געצאלט.

QUEENS THEATRE

מיטוואך אוונט, אפריל 22טן
לידיס פריי

"אייביקע כלה"

א פרעזענט צו יעדן באזוכער, א געדרוקטע ליד מיט די נאטן פון "די אייביקע כלה"

די בעסטע רינדערנע פלייש
8 סענט א פונט

בהשגחת ועד הרבנים

י. דורוק

467 פריטשארד עווע.

אויך קאנטרי קאסטאמערס קאנען קויפן פאר דעם זעלבן פרייז

עדמאנטאנער איקאר נייעס

אין די אינטערעסן פונם "איקאר, האט גינא מערעס באזוכט עדמאנטאן, אין די טעג פון מארט 21טן און 22טן, 1931.

ס'איז ענטשטאנען א גאנץ לעבהאפטע טעטיקייט ביי אלע פריינט פון דער אידישער קאלאניזאציע אין רוסלאנד.

צוויי עפנטלאכע לעקציעס זיינען אפגעהאלטן געווארן אין דעם ארבעטער רינג זאל וועלכע זיינען געווען גוט באזוכט.

די טעמע פון דער ערשטער לעקציע איז געווען "אידישע קאלאניזאציע אין ראטן פארבאנד", מיט חבר אי. לעווין אלס פארזיצער.

צווייטע לעקציע — "דער פינף יאריקער פלאן", מיט חבר'טע ראזי הילער אלס פארזיצערן.

ביידע לעקציעס זיינען פון די צוהערער אויפגענומען געווארן מיט גרויס אינטערעס און ענטוזיאזם, וועלכע האבן אויך ניט געקארגט מיט פרעגן פראגעס ביז שפעט אין אוונט.

די רעדנערין האט די פראגן גרינדלאך באהאנדלט און געענטפערט און ארויסגערופן אנערקענונג דורך אפלאדיסמענטען. ס'איז געמאכט אן אפיל פאר נייע מיטגלידער פארן איקאר און אויך פאר שטיצן מיט פארם מאשינען די אידישע קאלאניסטן אין בירא־בידזשאן. ס'האבן זיך פארשריבן נייע מיטגלידער און עס איז געשאפן געווארן ארום הונדערט דאלאר. מען קאן עס אנרופן — געוואונשענע רעזולטאטן, נעמענדיק אין אנבאטראכט, דאס דעם זעלבן אוונט איז דורכגעפירט געווארן דער געווערקשאפטן קאמפיין פונם פאראייניקטן שטאטיקן קאמיטעט.

שבת אוונט, מארט דעם 21טן האט אן ענגער קרייז פון פריינט, פארבראכט מיט דעם גאסט, ביי די חברים ברי דער בערנשטיין. ריידנדיק פון דער ארבעטער באוועגונג אין רוסלאנד — "פון אמאל און היינט".

זונטאג אוונט, מארט 22טן איז געגעבן געווארן א באנקעט פאר חבר'טע גינא מערעס ביי די חברים מערדל און קיילע בערשטיין אין זייער נייער היים — ביי פיין געדעקטע טישן.

ווי צונעשמידט צו זייערע פלעצער האבן די אנוועזנדע זיך צוגעהערט צום גאסט'ס דערציילונגען און איבערלעבונגען אמאל "אונטער דעם צאריזם" — דערביי דערמאנענדיק פיגורירנדע נעמען פון קעמפער און מארטירער וועלכע האבן געהאלפן שאפן דעם נייעם צרדענונג אין רוסלאנד פאר היינט.

גינא מערעס האט אויך איבערגעגעבן דעם זעלבן אוונט אירע איינדרוקן איבער פאלעסטינע וואו זי האט פארבראכט דריי מאנאטן צייט, לעבנדיק צוזאמען מיט די קאלאניסטן; אויך איר רייזע אויפן שיף צוזאמען מיט מערערע אידן וועלכע זיינען געפארן צוריק אהיים, נאך איירארפע, איבערגעבנדיק זייערע דערפארונגען אין ארץ־ישראל.

זייענדיק אין עדמאנטאן איז גינא מערעס געווען דער גאסט פון חבר'טע ראזי הילער.

פון עדמאנטאן איז זי אפגעפארן נאך וואנקאווער, און פון דארט נאך קאליפארניע און צוריק נאך ניו־יארק, איר לעקציע טור וועט איר פארנעמען איבער דריי מאנאטן צייט.

אייניקע חברים קלייבן זיך צו פארן קיין בירא־בידזשאן אזוי גיך ווי זיי וועטלען באקומען די נויטיקע דאקומענטן.

ה. הילער

מאניטאבא
מיוזיקאל
קאמפעטישאן
פעסטיוואל

אפריל 20טן ביז מאי 2טן

די פאלגנדע זיינען עטלאכע פון די "הויפט נומערן" איז אונזער פארשיידנארטיקער און אינטערעסאנטער פראגראם פאר

דינסטאג דעם 21טן אפריל

מיידלאך סאליסטן (הויכע שטימען)
פיאנא דועט (עלעמענטארי)
פאבליק סקול כארן (סאבארבאן)
אפערעטיק סאלא (מענער שטימען)
פידל סאלא (סיניאר)

סעזאן טיקעטס צו באקומען אין
וויניפעג פיאנא קאמפאני
דזש. דזש. ה. מעקליין און קאמפ.
און מיוזיק און ארטס בילדינג

מיר גאראנטירן דעם זייגער צו גיין ריכטיק אדער געלט צוריק

נ. טשערניאק
זייגערמאכער

35 יאר עקספיריענס. 5 יאר ביי איטאנס.
נעמט אן ארבעט צו ביליקע פרייזן
מיר קומען נאך דער ארבעט און ברייננען עס צוריק
561 קאלערזש עוו., טעלעפאן 56 691

גוטע באדינונג צו מעסיקע פרייזן

אויב איר דארפט איבערמופן, אדער וועלכע עס איז טראנספער ארבעט, טעלעפאנירט צו

סימקינס טראנספער, 52 540

איר וועט זיין זייער צופרידן ארדערט ביי אונז אייערע

האלץ

די בעסטע האלץ צו ביליקע פרייזן

SIMKIN'S TRANSFER
456 STELLA AVE. PHONE 52 540

צו אונזערע אידישע פריינט אין וויניפעג און אין מערב קאנאדע באטן מיר אן א שנעלע און ריזאנאייבל געפרייזטע באדינונג אין

דעזיינינג ענגרייווינג
עלעקטראטייפינג
סטערעאטייפינג און קאמערציעלע פאטאגראפיע

אדרעסירט אייער נעקסטן ארדער צו

Rapid Grip and Batten Limited
290 VAUGHAN STREET
23 859 WINNIPEG 28 951

אינדעפענדענט ליג און סיק בענעפיט אסאס. באגריסט שטאט קאמיטעט

ביי אן אלגעמיינער פארזאמלונג, האט די דאזיקע סאסייטי אויסגעהערט א באריכט פון אירע דעלעגאטן צום שטאט קאמיטעט און די פאלגנדע רעזאלוציע איז אנגענומען געווארן:

"מיר, די אינדעפענדענט ליג און סיק בענעפיט אסאס., באגריסן דעם שטאט קאמיטעט. פאר זייער גוטער ארבעט וואס זיי האבן געטאן אין וויניפעג פאר דער אידישער באפעלקערונג. מיר באגריסן זיי אויך מיט זייער געלונגענעם אויסוואל פון דעם נייעם רב, הרב חיים צבי בר' יוסף הערסאן, וועלכן זיי האבן געבראכט אין וויניפעג צו זיין דער גייסטיקער פירער אין שטאט. מיט וועלכן מיר שטאלצירן. מיר פארפליכטן זיך צו שטיצן דעם שטאט קאמיטעט פינאנציעל און מאראליש. מיר ווינשן דעם שטאט קאמיטעט און הרב הערסאן גרויס דערפאלג.

מיט אכטונג,
אינדעפענדענט ליג און סיק
בענעפיט אסאסיאיישאן

איד. ארב. קולטור קלוב

די קורסאנטן פון די פרץ שול אוונט קורסן האבן זיך ארגאניזירט אין אן ארבעטער קלוב. דער ציל פון דעם קלוב איז אנצוגיין מיט זעלבסטבילדונג, זיך פארנעמען מיט פראגרעסיווקולטורעלער געזעלשאפטלאכער ארבעט אויף דער אידישער גאס, און זיך אויסלעבן אין א פראלעטארישער, חבר'שער סביבה.

היינטיקן זונטאג, דעם 19טן אפריל, 2.30 בייטאג קומט פאר אן אלגעמיינע פארזאמלונג, וואו פ. מענאכאווסקי וועט רעפערירן אויף דער טעמע: שלום עליכמ'ס בביטראג צו דער אידישער ליטעראטור. אלע פארזאמלונגען פון קלוב וועלן פארקומען אין פרץ־אינסטיטוט. אינגיכן וועט פארקומען דער אינסטאלירונגס באנקעט.

מאריס סיגאל ע״ה

אונזער טריסט און מיטגעפיל צו דער פרוי און קינדער אין זייער גרויסן פארלוסט. מיר ווינשן זיי און דער גאנצער משפחה נעטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. ר. שאו
און פאמיליע
361 סאלטער סט.

Classified Section קלאסיפייד סעקשען

ספעציעלע פרייזן פאר אדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג

איין מאל, 5 ס. פער "אגייט לייז"	פאר 3 מאנאט, $2.15
פאר א וואך, 20 ס. "	פאר 6 מאנאט, $4.00
פאר א מאנאט, 75 ס. "	פאר 1 יאר, $7.50

:: צו פארקויפן ::
FOR SALE

א 7 רום נייע סטאקא באנגאלאו, אוק פינישינג, פייער פליים, הייסע וואסער באהייצונג, ניי אויסגעדעקארירט, נאקאל אויל היטינג פלענט, גאראדזש. צווייטער בלאק פון מיין סטריט. מוז פארקויפט ווערען באלד פאר א זייער ביליקן פרייז.

סוויטס פון 2 ביז 5 רומס, אין די בעסטע בלאקס, צו פארדינגען. רענט פון $30 א מאנאט און מער.

א נייע באנגאלאו פון 5 רומס, מיט א ווארימער סאן רום, אויף אטלאנטיק עווע. ערשטער בלאק פון מיין סט. צו פארדענגען פון דעם ערשטן מאי.

געלט צו לייען אויף 6½ פראצענט.
אינשורענס פאר אלערליי צוועקן.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאנס 55 761 און 58 807

צו פארקויפן א סינגער ניי־מאשין, כמעט ניי. קאסט $160. וועט פארקויפן פאר $45. אורזאך, אייגנטימער פארלאזט די שטאט. זיך ווענדן אין 393 פלארא עווע.

געשעפט געלעגנהייטן
Business Opportunities

מאנופעקטשורינג, גוט־גייענדער געשעפט מיט גרויסע מעגלאכקייטן פארלאנגט פארטנער מיט $2,500 קעש. א סיילסמאן קאן זיין זיכער מיט דערפאלג.

דעליקאטעסן און סיגאר, א זייער גוטע סטאר מוז שנעל פארקויפט ווערן. סטאק און פיקסטשורס $1,250. רענט $75.

בוטשער שאפ, א גרויסער אלט־עטאבלירטער געשעפט מוז פארקויפט ווערן. סטאק און פיקסטשורס $3,000. אן אויסגעצייכנטער פלאץ.

אויב איר ווילט פארקויפן אייער געשעפט זעט

ת. פערלמאן און נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
874 Main St. Phone 51 000

אפארטמענט בלאק, נארט ענד, 8 סוויטס, אלע פארדענט. ברייננגט אריין $3,420, אייגנטימער מוז פארקויפן.

אפארטמענט בלאק, 23 סוויטס, אלע פארדענט. יערלאכער רענט $10,000. פרייז $42,000.

מיר האבן אלע סארטן געשעפטן צו פארקויפן.

SCOTT REALTY CO. Ltd.
11 C.P.R. Office Bldg. Phone 89 644

אנב-אורחא

(שלום פון ערשטער זייט)

פאראד אין וויקטאריא, ב. ק., וואו מען האט ניט ליב קיין אויסלענדער, באזונדערס אזיאטן.

קיין פאספארט ביי אים אפילו ניט געפרעגט:

דאס איז קעניג פראדזשאדהיפאק פון סיאם.

די קעניגן רופט מען ראמבאי בארני,

— אבער ס'איז אן אנדער בארני, און נעמט זיך ניט פונ'ם זעלבן שורש, וואס בארני דער מלמד . . .

זיין מאיעסטעט, פראדזשאדהיפאק, — ס'איז גוט פארט צו זיין א קעניג: מען קאן דאן אפילו מיט אזא מין נאמען מאכן א שענערן לעבן דא אין לאנד, ווי מיט א נאמען וואס ענדיקט זיך מיט "סקי" . . .

—(:-:)—

קינד דערטרונקען אין 11 אינטשעס וואסער

עדמאנטאן, אלט., אפריל 17. — דזשימי אלען, 19 חדשים אלט' זון פון מר. און מרס. דזש. ס. אלען, א פארמער 5 מייל פון שטאט, האט זיך דערטרונקען אין 11 אינטשעס וואסער.

דאס קינד איז ארוים פון הויז און איז אריינגעפאלן אין א קארעטע מיט וואסער. ווען די מוטער האט אים אנגעהויבן זוכן, האט זי אים געפונען אין קארעטע א דערטרונקענעם.

מוטער דערמארדעט איר עופה'לע "צו רעטן" זי פון זינד"

סטופוויל, אנט., אפריל 17. — מרס. פרעד סטיווענסאן, א פארמערס פרוי, 41 יאר אלט, האט איבערגעשניטן דעם האלז פון איר צוויי־יאריקער מיידעלע מיט א ראזיר מעסער, און דאן האט זי איבערגעשניטן זיך אליין דעם האלז אויף דעם זעלבן אופן.

די פרוי האט פריער געזאגט פאר אירע באקאנטע, אז זי וועט צונעמען איר קינד פון דער וועלט, "איידער עס ווערט פארפלאנטערט אין זינד".

אידישע קינדער אטאקירט פון נאציאנאל־סאציאליסטן

בערלין, אפר. 17 (איטא).— א באנדע נאציאנאל־סאציאליסטן האט דא נעכטען אטאקירט א גרופע אידישע קינדער וואס האבן זיך צוריקגעקערט פון א פיקניק אויסער דער שטאט.

די קינדער, מיטגלידער פונ'ם אידישן יונגנט פאראיין, זיינען געווען אויפ'ן וועג אהיים, ווען די "נאציס" האבן באפאלן דעם פירער, ארויסגעריסן די פאן פון זיינע הענט און צע'ממית'ט אים. די כוליגאנעס האבן בביי די קינדער אויך צוגענומען א צאל געצעלטן און אנדערע זאכן.

איינער פון דער באנדע איז דערקענט געווארן פון די קינדער, און די פאליציי פירט דורך אן אונטערזוכונג.

:: פערזענלאכעס ::
PERSONAL

לייף אינשורענס

בעסער צו האבן א פאליסי און ניט דארפ עס, איידער דארפן דאס און ניט האבן.

P. A. TEMPLETON
807 Electric Railway Chambers
Phone 89 688

טייפרייטערס

באנקראט סייל, רעמינגטאן, אנדערוואוד. וואודסטאק און א. וו.

T. A. WEIR
Ph 28 800 247 Notre Dame Ph. 24 783

היים און אפיס פוירניטשור פארלאנגט
פאר מזומן געלט.

KILSHAW'S
Auctioneers
Canada Bldg. Phone 29 040

AACTIVE MESSENGER & TRANSFER
פוירניטשור געמופט
PH. 26 062 121 ALBERT ST.

סעקאנד הענד קעש רעדזשיסטערס

אויב איר זוכט א גוטן סעקאנד הענד קעש רעדזשיסטער, קומט און זעט אונזער גרויסן סטאק פון געניצטע רעדזשיסטערס צו זייער ספעציעלע נידעריקע פרייזן. לייכטע טערמינען. קיין אינטערעסט. און יעדער רעדזשיסטער איז גאראנטירט.

PHONE 86 293 354 DONALD ST.
THE NATIONAL CASH REGISTER COMPANY OF CANADA, LIMITED

A. MUIR
אווטאריזירטער
רוקא פינישינג סטיישאן
פענדערס און באדי ריפעירס
376 FURBY ST.
PH. 33 255

איך וואלט געוואלט הערן פון א'מיצן וועלכער עס פארט קיין ניו יארק מיט אן אוטאמאביל אין יוני מאנאט. איך וועל באצאלען מיין חלק הוצאות. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 5414.

:: צו פאררענטן ::
FOR RENT

צו פאררענטן א שיינעם דריי רום סוויט אין באלטיק אפארטמענט. מעסיקע רענט. זיך ווענדן צום קערטייקער, סוויט "די", טעלעפאן 56 668.

צו פאררענטן א זעקס רום מאדערנע הויז. זיך ווענדן צו
MISS PATTERSON—465 Flora Ave.

צו פאררענטן 3 רומס מיט א באד, זייער שיינע און גרויסע רומס, אפסטערס. פריוואטער אריינגאנג, אין 556 סטעלא עוועניו. זיך ווענדן אין 484 פלארא עוועניו.

צו פאררענטן א גרויסן שיינעם צימער, מיט אלע באקוועמלאכקייטן. פאסנד פאר א קאפל. זיך ווענדן אין 328 מעגנוס עוו.

צו פאררענטן א גרויסע ליכטיקע רום. פאסיק פאר א באי אדער מיידל, מיט אדער אן בארד. נוצן דעם טעלעפאן. טעלעפאנירט 54 089.

צו פאררענטן א דריי רום סוויט אין א נייער באנגאלאו, פאר א קאפל אן קינדער. זיך ווענדן פון 9 ביז 12 פרי אדער אין אוונט אין 421 קאלערזש עוועניו.

צו פאררענטן א סטאר צוזאמען מיט א 4 רום סוויט אין 390 סעלקירק עוועניו. באהייצט מיט סטים. הייסע וואסער צו יעדער צייט. ניי דעקארירט. מעסיקער רענט. טעלעפאנירט 56 061.

צו פאררענטן 2 שיינע רומס אין א פול מאדערנער הויז. מען קאן זיך באנוצן מיט דער קיטשען. פאסיק פאר א פארל. ווענדן אין 380 באיד עוועניו.

צו פאררענטן ווערהויז ספיים מיט טרעקערזש פאסיליטעט, צו זייער א מעסיקן פרייז. זיך ווענדן אין 24 דערבי סטריט.

צו פאררענטן 5 רומס און קיטשענעט דאון סטערס. פריוואטער אריינגאנג, מייפל פלארס, פרענטש טירן, הייסע וואסער באהייצונג. זיך ווענדן אין 97 אייקינס סטריט. טעלעפאן 52 646.

:: שטעלע פארלאנגט ::
SITUATION WANTED

עקספיריענסד בוקקיפער איז ווייליק אנצונעמען ארבעט ביי דער שטונדע. אינקאם טעקס פאפירן אויסגעפילט. טעלעפאנירט 27 633.

ארבעטער פארלאנגט
HELP WANTED

פארלאנג א שוחט און א מאדערנעם לערער פאר קינדער. גוטע געהאלט פאר דעם פאסנדן מאן. שרייבט רעפערענס און געהאלט. בלויז דער פאסיקער מאן זאל זיך אפרופן. שרייבט צו:

J. ZAITZON
Melville, Sask.
Sec., Melville Hebrew Community

לייענט "דאס אידישע ווארט" אייער אייגענע צייטונג, געדרוקט אין אונזער אייגענער שפראך, פאר אונזערע אייגענע אינטערעסן פארשפרייט אין אלע אידישע היימען פון וויניפעג און מערב קאנאדע.